# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְן פֵּרוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת וישלח

| חלק ח - פרשת ויקהל | | |
|---|---|---|
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | רי ע"ב | שסט-שעה |
| שני | ריא ע"א | שעה-שפא |
| שלישי | ריא ע"ב | שפא-שפז |
| רביעי | ריב ע"א | שפז-שצג |
| חמישי | ריב ע"ב | שצג-שצט |
| שישי | ריג ע"א | שצט-תו |
| שב"ק | ריג ע"ב | תו-תיב |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 108 | פרשת ויצא תשפ"ג

## היצר טוב שהוא ניצוץ מהשכינה עומד תמיד לימין האדם הראוי, כדי לשמרו

וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה וקודם שמפרש פסוק זה רַבִּי אַבָּא פָּתַח וְאָמַר הקדים לספר בשבחה של התורה, ואמר מש"כ אַשְׁרֵי שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט עוֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת ומפרש שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט פירושו זַכָּאִין אִינּוּן יִשְׂרָאֵל דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יָהַב לוֹן אוֹרַיְיתָא דִקְשׁוֹט לְאִשְׁתַּדָּלָא בָהּ יְמָמָא וְלֵילֵי אשריהם ישראל שהקב"ה נתן להם תורת אמת לעסוק בה יומם ולילה, דְּהָא כָּל מַאן דְּאִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא אִית לֵיהּ חֵירוּ מִכֹּלָּא כי כל מי שעוסק בתורה יש לו חירות מכל דבר, ר"ל חירות משעבוד מלכיות ומדרך ארץ של מלאכה, וגם ניצול מיסורים, ועל הכל חֵירוּ מִן מוֹתָא דְּלָא יָכְלָא לְשַׁלְטָאָה עֲלֵיהּ וְהָא אוֹקְמוּהָ חירות מן מלאך המות שאינו יכול לשלוט עליו כמו שכבר ביארוהו, ר"ל שאינו מת על ידו אלא נשמתו יוצאת בנשיקה, בְּגִין דְּכָל מַאן דְּאִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא וְאִתְאֲחִיד בָּהּ אִתְאֲחִיד בְּאִילָנָא דְחַיֵּי לפי שכל מי שעוסק בתורה ומחזיק בה ע"י שהוגה בה יומם ולילה הוא נאחז בתפארת הנקרא עץ החיים, וְאִי אַרְפֵּי גַּרְמֵיהּ מֵאִילָנָא דְחַיֵּי הָא אִילָנָא דְמוֹתָא שַׁרְיָא עֲלוֹי וְאִתְאֲחִיד בֵּיהּ ואם מרפה עצמו מעץ החיים הרי אילן המות שהוא הסטרא אחרא שורה עליו תחילה ואח"כ גם נאחז בו, ועי"ז הוא גורם אחיזת החיצונים בשכינה הקדושה וצר לה המקום בלבו של אדם שתשרה בו, הָדָא הוּא דִכְתִיב הִתְרַפִּיתָ בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶכָה ומפרש הִתְרַפִּיתָ פירושו אִי אַרְפֵּי יְדוֹי

### אידיש

דֶער יֵצֶר טוֹב וָואס עֶר אִיז אַ נִיצוֹץ פוּן דִי שְׁכִינָה, שְׁטֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּם רֶעכְטְן הַאנְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָאוּי, כְּדֵי אִים צוּ הִיטְן

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שֶׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה", אוּן יַעֲקֹב אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן בְּאֵר שֶׁבַע אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען קֵיין חָרָן, אוּן אֵיידֶער עֶר טוּט עֶרְקְלֶערְן דֶעם פָּסוּק, הָאט רַבִּי אַבָּא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אִין דִי לוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי מִשְׁפָּט עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת", וואוּיל אִיז צוּ דִי וָואס הִיטְן מִשְׁפָּט, אוּן צוּ דֶער וָואס טוּט צְדָקָה צוּ יֶעדֶער צַייט, הָאט רַבִּי אַבָּא עֶרְקְלֶערְט, "שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט", דָאס מֵיינְט מֶען, אַז וואוּיל אִיז צוּ דִי אִידְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרַת אֱמֶת, זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן אִין אִיר בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, הָאט פְרַייהֵייט פוּן יֶעדֶער זַאךְ, דָאס מֵיינְט, פְרַייהֵייט פוּן שִׁעְבּוּד מַלְכֻיוֹת אוּן פוּן אַרְבֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן יִסּוּרִים, אוּן אִיבֶּער אַלֶעם, פְרַייהֵייט פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט, דָאס הֵייסְט, אַז עֶר שְׁטַארְבְט נִישְׁט דוּרְכְן מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נָאר זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס דוּרְךְ דִי בְּחִינָה פוּן נְשִׁיקָה, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה אוּן הַאלְט אָן אִין אִיר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט דִי תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, דֶער הַאלְט זִיךְ אָן אִין דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עֵץ הַחַיִּים", דֶער בּוֹים פוּן לֶעבְן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר זִיךְ נָאכְלָאזְן פוּנֶעם עֵץ הַחַיִּים, טוּט דֶער בּוֹים פוּן טוֹיט, וָואס דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, רוּעְן אוֹיף אִים צוּם עֶרְשְׁט, אוּן דֶערְנָאךְ הַאלְט עֶס אוֹיךְ אָן אִין אִים, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גּוֹרֵם אַז דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זִיךְ אָנְהַאלְטְן אִין דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן עֶס אִיר עֶנְג דָאס אָרְט אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, פוּן צוּ קֶענֶען רוּעְן אִין אִים, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "הִתְרַפִּיתָ בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶכָה", דוּ הָאסְט דִיךְ נָאכְגֶעלָאזְט אִין אַ טָאג פוּן אַ צָרָה, אִיז דַיין כֹּחַ עֶנְג

**מֵאוֹרַיְיתָא** אם הרפה ידיו מעסק התורה, **בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶכָה** ומפרש **מַאי צַר כֹּחֶכָ"ה, צַר כֹּחַ כֹּה** נעשה צר ודחוק כח השכינה הנקראת כה וזה לפי שכח ניתן לה ע"י לימוד התורה של ישראל בסוד (תהלים סח לה) תנו עוז לאלהי"ם, **דְּהָא אִיהִי תָּדִיר לִימִינָא** כי השכינה עומדת תמיד לימינו של האדם, והיינו היצר טוב שהוא נצוץ קדוש מהשכינה הוא העומד תמיד לימינו של האדם בסוד (קהלת י ב) לב חכם לימינו, **וּנְטִירוּ דִילָהּ תָּדִיר עַל בַּר נָשׁ כַּד אָזִיל בְּאוֹרְחוֹי דְאוֹרַיְיתָא** והיא שומרת על האדם תמיד כשהולך בדרכי התורה, **וּכְדֵין דָחֵי לֵיהּ לְרַע לְבַר דְּלָא יִקְרַב לְגַבֵּיהּ דְּבַר נָשׁ וְלָא יָכִיל לְקַטְרְגָא לֵיהּ** ואז דוחה את היצר הרע לחוץ שלא יקרב אליו ולא יוכל לקטרג עליו, **וְכַד בַּר נָשׁ אַסְטֵי מֵאָרְחוֹי דְאוֹרַיְיתָא וְאִתְרַפֵּי מִנָּהּ** אבל כשאדם סר מדרכי התורה ע"י שמתרפה ממנה, **כְּדֵין צַר כֹּחַ כֹּה** אז צר ודחוק כח השכינה, **בְּגִין דְּהַהוּא רַע דְּאִיהוּ שְׂמָאלָא שַׁלִּיט עֲלֵיהּ דְּבַר נָשׁ** לפי שהיצר הרע שהוא בשמאל בסוד (שם) לב כסיל לשמאלו שולט על האדם, **וְדָחֵי לֵיהּ לְהַאי כֹּה לְבַר** ודוחה את השכינה לחוץ, **עַד דְּדָחִיק לֵיהּ אֲתַר בְּעָקוּ** עד שדוחק את השכינה לגמרי כי נעשה לה המקום צר ומסתלקת ממנו. (דף קנב ע"ב, ובביאורינו כרך ג עמ' שיח-שיט)

## תפלת האדם צריכה להיות דוקא בלשון רבים

**תָּא חֲזֵי בַּר נָשׁ כַּד צַלֵּי צְלוֹתֵיהּ** בא וראה כשאדם מתפלל תפלתו **לָא יֵימָא עֲלֵיהּ זָכְרֵנִי וּפָקְדֵנִי** לא יבקש על עצמו בלשון יחיד זכרני ופקדני, אלא יאמר זכרנו ופקדנו בלשון רבים, **בְּגִין דְּאִיכָּא זְכִירָה וּפְקִידָה לְטַב** לפי שיש זכירה ופקידה לטובה דהיינו בחינות דקדושה, **וּזְכִירָה וּפְקִידָה לְבִישׁ** היינו בחינות דקליפה, **וְזַמִּינִין לְנַטְלָא מִלָּה מִן פּוּמָא** והבחינות דקליפה מזומנים לטול ולקבל את הדבור מפיו, **וְאַתְיָין לְאַדְכָּרָא חוֹבוֹי דְּבַר נָשׁ וְלַעֲנָשָׁא לֵיהּ** ויבואו להזכיר עונותיו של אדם ולהעניש אותו, ר"ל יקטרגו עליו לומר על מה זה בוטח, בואו ונראה מה מעשיו, **בַּר אִי אִיהוּ זַכָּאָה שְׁלִים** מלבד אם הוא צדיק גמור שיודע בעצמו **דְּכַד בַּדְקֵי חוֹבוֹי הַהִיא זְכִירָה וּפְקִידָה**

## אידיש

גֶעוָוארְן, אוּן רַבִּי אַבָּא הָאט עֶרְקְלֶערְט, אַז אוֹיבּ הָאט עֶר נָאכְגֶעלָאזְט זַיינֶע הֶענְט פוּן זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן אִין דִי תּוֹרָה, אִיז דֶעמָאלְטְס "בְּיוֹם צָרָה צַר כֹּחֶכָה", אִין אַ טָאג פוּן אַ צָרָה אִיז דַיין כֹּחַ עֶנְג גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט, וָואס מֵיינְט "צַר כֹּחֶכָה", דָאס אִיז אַזוֹי וִוי "צַר כֹּחַ כֹּה", דֶער כֹּחַ פוּן דִי שְׁכִינָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כֹּה, אִיז גֶעוָוארְן עֶנְג אוּן דֶערְדְרִיקְט, אוּן דָאס אִיז וִויבַּאלְד זִי בַּאקוּמְט כֹּחַ דוּרְכְן לִמּוּד הַתּוֹרָה פוּן דִי אִידְן, אִינֶעם סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק "תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים", גֶעבְּט שְׁטַארְקַייט פַאר גָאט, וַוייל דִי שְׁכִינָה שְׁטֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּ דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט דֶער יֵצֶר טוֹב וָואס עֶר אִיז אַ נִיצוֹץ פוּן דִי שְׁכִינָה אִינֶעם סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק "לֵב חָכָם לִימִינוֹ", דִי הַארְץ פוּן אַ קְלוּגֶער אִיז צוּ זַיין רֶעכְטֶע זַייט, אוּן זִי הִיט שְׁטֶענְדִיג אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְטְס שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְדְרוֹיסְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים אוּן זָאל נִישְׁט קֶענֶען מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִים, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ אַוֶועק פוּן דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נָאךְ פוּן אִיר, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶנְג אוּן דֶערְדְרִיקְט דֶער כֹּחַ הַשְּׁכִינָה, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר אִיז אִין דִי לִינְקֶע זַייט, אִינֶעם סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק "לֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ", דֶער הַארְץ פוּן אַ נַאר אִיז צוּ זַיין לִינְקֶע זַייט, טוּט עֶר גֶעוָועלְטִיגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה אִינְדְרוֹיסְן, בִּיז עֶר שְׁטוּפְּט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק דִי שְׁכִינָה, וְוִיבַּאלְד דָאס אָרְט וֶוערְט אִיר עֶנְג, אוּן זִי גֵייט אַוֶועק פוּן אִים.

### דִי תְּפִלָּה פוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין דַוְקָא בִּלְשׁוֹן רַבִּים

**קוּם** אוּן זֶע, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵּל זַיין תְּפִלָּה, זָאל עֶר נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף זִיךְ מִיט אַ לָשׁוֹן יָחִיד, "זָכְרֵנִי וּפָקְדֵנִי", גֶעדֶענְק מִיר אוּן טוּ מִיר הֶעלְפְן, נָאר עֶר זָאל זָאגְן מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, "זָכְרֵנוּ וּפָקְדֵנוּ", גֶעדֶענְק אוּנְז אוּן טוּ אוּנְז הֶעלְפְן, וַוייל עֶס דָא אִיז אַ עִנְיָן פוּן זְכִירָה אוּן פְּקִידָה צוּם גוּטְן, דָאס הֵייסְט דִי בְּחִינוֹת דִקְדֻשָּׁה, אוּן עֶס אִיז דָא זְכִירָה אוּן פְּקִידָה צוּם שְׁלֶעכְטְן, דָאס הֵייסְט דִי בְּחִינוֹת דִקְלִיפָּה, אוּן דִי בְּחִינוֹת דִקְלִיפָּה זֶענֶען אָנְגֶעגְרֵייט צוּ נֶעמֶען אוּן מְקַבֵּל זַיין דֶעם דִבּוּר וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַרוֹיס, אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זִינְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בַּאשְׁטְרָאפְן, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִיהם אוּן זָאגְן, אוֹיף וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ, קוּמְט לָאמִיר זֶען וָואס זֶענֶען זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז בַּיי גֶעוָוענְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶר אִיז אַ צַדִיק גָמוּר וָואס עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז וֶוען דִי

**לְבִישׁ** שכאשר הבחינות דקליפה יבדקו עונותיו, **לָא יַשְׁכְּחוּן לוֹן** לא ימצאו לו עונות, אז אפילו אם אמר זכרני ופקדני בלשון יחיד לא יכולים לקטרג עליו, **כְּגוֹן עֶזְרָא דְּאָמַר זָכְרָה לִּי אלה״י לְטוֹבָה** ולא קטרגו עליו כי היה צדיק גמור, **דְּהָא בְּכָל אֲתַר דְּבַר נָשׁ צַלֵּי צְלוֹתֵיהּ** כי בכל מקום שאדם מתפלל תפלתו, **יַכְלִיל גַּרְמֵיהּ בֵּין סַגִּיאִין** יכלול את עצמו בין הרבים, **בִּכְלָלָא דְּסַגִּיאִין** שגם הוא יזכר למעלה בכלל הרבים, כי הרבים דרך כלל הם מרכבה לשכינה וזכירתם ופקידתם הוא בקדושה, ואין רשות לחיצונים לאנוס תפלתם, אבל יחיד לפעמים בעונותיו תפלתו נאנסת וניטלת אל החיצונים. (דף קס ע״א-ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ ת)

## כל מה שלקח יעקב מלבן היה באמת ויושר ובשלימות הרצון

**תָּא חֲזֵי כְּתִיב** בא וראה מה שכתוב **וְעָנְתָה בִּי צִדְקָתִי בְּיוֹם מָחָר וְגוֹ׳** הרי כי התורה מעידה על צדקתו שבצדק כל אמרי פיו, **דְּהָא אִיהוּ לָא עֲבַד בְּגִין דְּיִטּוֹל מִדִּילֵיהּ לְמַגָּנָא** כי יעקב לא עשה את ענין המקלות כדי שיקח מלבן בחנם, וכל שכן שלא לקח ממנו בגזל ח״ו, **אֶלָּא כֹּלָּא בְּקוּשְׁטָא וּשְׁלִימוּ דִּרְעוּתָא** אלא הכל לקח באמת וביושר ובשלימות הרצון, והיינו שכר טורחו שהיה מגיע לו לקח והציל את שלו מתחת ידו, ולא הציל אלא אחת מני מאה כדמפרש ואזיל, **וְלָא עוֹד אֶלָּא דְּאִיהוּ נָטִיל רְשׁוּ מִלָּבָן** ולא עוד אלא שקבל על זה רשות מלבן, שאחר שהודה לדבריו ואמר לו הן, לו יהי כדבריך, בזה סבר וקבל שכל מה שיולידו הצאן בכל אופן מהיום ולהלאה לפי התנאי שעשה יעקב יהיו שלו, **וְעַל דָּא כְּתִיב** ועל זה כתוב שאמר לבן **נִחַשְׁתִּי וַיְבָרְכֵנִי ה׳ בִּגְלָלֶךָ** פירושו **כַּמָּה חַרָשִׁין וְזִינִין עֲבַד לָבָן וּבָחִין מַזָּלֵיהּ בְּגִינֵיהּ דְּיַעֲקֹב** כי כמה כשפים ומיני בחינות עשה לבן לבחון את מזלו אם הוא מצליח בזכותו של יעקב, **וַהֲוָה אַשְׁכַּח בְּגִינֵיהּ דְּיַעֲקֹב מְאָה עָאנָא כָּל יַרְחָא** והיה מוצא בזכותו

## אידיש

בְּחִינוֹת דִּקְלִיפָּה וֶועלְן נָאכְקוּקְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶועלְן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעפִינֶען בַּיי אִים קֵיין עֲבֵירוֹת, און דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ אויבּ עֶר הָאט גֶעזָאגְט "זָכְרֵנִי וּפָקְדֵנִי" מִיט אַ לָשׁוֹן יָחִיד, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אויף אִים, אַזוֹי וִוי עֶזְרָא וָואס הָאט גֶעזָאגְט "זָכְרָה לִּי אֱלֹקַי לְטוֹבָה", גֶעדֶענְק מִיר מַיין גָאט צוּם גוּטְן, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אויף אִים וְוייַבּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק גָּמוּר, זָאגְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, וַוייל אִין יֶעדְן אָרְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵּל זַיין תְּפִלָּה, זָאל עֶר זִיךְ כּוֹלֵל זַיין צְוִוישְׁן דֶעם רַבִּים, כְּדֵי עֶר זָאל דֶערְמַאנְט וֶוערְן אויבְן אִין כְּלָל פוּנֶעם רַבִּים, וַוייל דִי רַבִּים אִין אַלְגֶעמֵיין זֶענֶען אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה, און זֵייעֶר זְכִירָה און פְּקִידָה אִיז אִין דִי קְדֻשָּׁה, און דִי חִיצוֹנִים הָאבְּן נִישְׁט קֵיין עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ בַּאצְוִוינְגֶען זֵייעֶר תְּפִלָּה, אָבֶּער דִי תְּפִלָּה פוּן אַ יָחִיד וֶוערְט צוּמָאל צוּגֶעכַאפְּט און צוּגֶענוּמֶען דוּרְךְ דִי חִיצוֹנִים, צוּלִיבּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

### אַלֶעם וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען פוּן לָבָן, אִיז גֶעוֶוען מִיט אֱמֶת און יֹשֶׁר און בִּשְׁלֵימוּת הָרָצוֹן

**קוּם** און זֶע, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְעָנְתָה בִּי צִדְקָתִי בְּיוֹם מָחָר וְגוֹ'", און מַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט וֶועט עֵדוּת זָאגְן אִין מִיר אויף מָארְגְן, פוּן דָא זֶעעֶן מִיר אַז דִי תּוֹרָה זָאגְט עֵדוּת אויף דִי גֶערֶעכְטִיגְקַייט פוּן יַעֲקֹב, אַז אַלֶע רֵייד פוּן זַיין מוֹיל זֶענֶען מִיט גֶערֶעכְטִיגְקַייט, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעטוּן דֶער זַאךְ פוּן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס כְּדֵי צוּ נֶעמֶען עֶפֶּעס פוּן לָבָן בְּחִנָּם, און אַוַדַּאי אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן אִים מִיט גֶּזֶל חַס וְשָׁלוֹם, נָאר אַלֶעס הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִיט אֱמֶת און יֹשֶׁר און מִיטְן פוּלְסְטְן וִוילְן, און דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם בַּאלוֹינוּנְג פַאר זַיין טִרְחָא וָואס אִיז זִיךְ אִים גֶעקוּמֶען, און עֶר הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעראַטֶעוֶועט פוּן לָבָן, און עֶר הָאט נָאר אַרוֹיסְגֶעראַטֶעוֶועט אֵיינְס פוּן הוּנְדֶערְט, אַזוֹי וִוי דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ וֶועט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְן, און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר הָאט אויךְ בַּאקוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ דֶערְצוּ פוּן לָבָן, וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער און הָאט גֶעזָאגְט "הֵן, לוּ יְהִי כִדְבָרֶךָ", יָא, הַלְוַאי זָאל עֶס זַיין אַזוֹי וִוי דַיינֶע וֶוערְטֶער, מִיט דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען און מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז אַלֶעס וָואס דִי שָׁאף וֶועלְן גֶעבּוֹירְן פוּן הַיינְט און וַוייטֶער, לוֹיטְן תְּנַאי וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶעמַאכְט, וֶועט זַיין זַיינְס, און דֶערוֹיף שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז לָבָן הָאט גֶעזָאגְט "נִחַשְׁתִּי וַיְבָרְכֵנִי ה' בִּגְלָלֶךָ", אִיךְ הָאבּ אוֹיסְפְּרָאבִּירְט, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶועגְן דִיר, דָאס מֵיינְט, אַז לָבָן הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ סָארְטְן כִּישׁוּף און פְּרָאבֶּעס צוּ אוֹיסְפְּרָאבִּירְן זַיין מַזָּל אויבּ עֶר אִיז מַצְלִיחַ אִין זְכוּת פוּן יַעֲקֹב, און עֶר הָאט גֶעפִינֶען הוּנְדֶערְט שָׁאף יֶעדְן חוֹדֶשׁ אִין זְכוּת פוּן יַעֲקֹב, און הוּנְדֶערְט שֶׁעפְּסְן און

של יעקב מאה צאן בכל חודש, **וּמְאָה אִמְרִין וּמְאָה עִזִּין יַתִּיר עַל עָאנֵיהּ** ומאה כבשים ומאה עזים יותר ממה שהיה ראוי להיות בצאנו, ולכן נתרצה על תנאי יעקב בכל אופן שהוא.

**רַבִּי אַבָּא אָמַר, אֶלֶף עָאנִין וְאֶלֶף אִמְרִין וְאֶלֶף עִזִּין הֲוָה מַיְיתֵי לֵיהּ יַעֲקֹב יַתִּיר בְּכָל יַרְחָא וְיַרְחָא** אלף צאן ואלף כבשים ואלף עזים היה מביא לו יעקב יותר בכל חדש וחדש **הָדָא הוּא דִכְתִיב כִּי מְעַט אֲשֶׁר הָיָה לְךָ לְפָנַי וַיִּפְרֹץ לָרֹב, וַיְבָרֶךְ ה׳ אוֹתְךָ לְרַגְלִי** פי׳ בזכותי, **וּבִרְכְתָא דִלְעֵילָא לָאו אִיהוּ פָּחוֹת מֵאֶלֶף מִכָּל זִינָא וְזִינָא** והברכה של מעלה אינה פחותה מאלף מכל מין ומין, כנגד העשר ספירות שהם כלולות עשר מעשר עד אלף, והכונה שכל בחינות הספירות הסכימו להשפיע ללבן בזכות יעקב אלף מכל מין ומין, **מֵעָאנִין אֶלֶף אִשְׁתְּכַח, מֵאִמְרִין אֶלֶף אִשְׁתְּכַח, מֵעִזִּין אֶלֶף אִשְׁתְּכַח** מצאן נמצא אלף יותר וכן מכבשים וכן מעזים, **עַל כָּל מַה דְּשַׁרְיָא בִּרְכְתָא דִלְעֵילָא לָא פָּחוֹת מֵאֶלֶף** כי על כל מה ששורה הברכה של מעלה אינו פחות מאלף, **עַד דִּבְגִינֵיהּ דְּיַעֲקֹב אִסְתַּלַּק לָבָן לְכַמָּה עוּתְרָא** עד שבזכותו של יעקב נתעלה לבן להרבה עושר, **וְכַד בָּעָא יַעֲקֹב לְנַטְלָא אַגְרֵיהּ** וכשרצה יעקב ליטול שכרו, **לָא אַשְׁכַּח אֶלָּא עֲשָׂרָה מִכָּל זִינָא וְזִינָא** לא מצא אלא עשרה מכל מין ומין, כי את כל השאר לקח וגנב לבן משלו, **וְיַעֲקֹב חָשִׁיב לֵיהּ לְעוּתְרָא סַגִּי** ויעקב חשב גם את זה לעושר גדול, **חָמֵי כַּמָּה נָטִיל מִדִּילֵיהּ מִמַּה דַּהֲוָה יָהִיב אִיהוּ בִּזְכוּתֵיהּ לְלָבָן** ועתה תראה כמה לקח יעקב מלבן אחד ממאה ממה שהוא היה נותן ללבן בזכותו, **וְכָל דָּא דְּסָלִיק בֵּיהּ יַעֲקֹב** וכל זה שעלה בחלקו של יעקב, **לָא הֲוָה אֶלָּא בִּזְרוֹעַ דְּאִינּוּן מַקְלוֹת דְּשַׁוֵּי לְגַבֵּי עָנָא** לא היה אלא בכחם של המקלות אשר שם אצל הצאן. (דף קסא ע״א, ובביאורינו כרך ג עמ׳ תז-תטז)

## אידיש

הונדערט ציגן מער ווי דאס וואס האט געדארפט זיין ביי זיינע בהמות, און דעריבער האט ער מסכים געווען צום תּנאי פון יעקב וויאזוי עס זאל נאר זיין.

**רבּי** אבּא האט געזאגט, טויזנט שאף און טויזנט שעפּסן און טויזנט ציגן מער, האט יעקב געבּרענגט פאר לבן יעדן חודש, און דאס איז וואס עס שטייט אין פּסוק "כּי מעט אשר היה לך לפני ויפרץ לרב, ויברך ה׳ אתך לרגלי", ווייל דאס ביסל וואס דו האסט געהאט פאר מיר, האט זיך זייער פארמערט, און דער אויבערשטער האט דיר געבענטשט וועגן מיר, דאס מיינט, אין מיין זכות, און די בּרכה של מעלה איז נישט ווייניגער ווי טויזנט פון יעדן סארט, אנטקעגן די עשר ספירות וואס זיי ענטהאלטן צען, פון צען ביז טויזנט, און דאס מיינט מען אז אלע בחינות פון די ספירות האבן מסכּים געווען צו משפּיע זיין פאר לבן טויזנט פון יעדן סארט, אין זכות פון יעקב, פון שאף האט ער געטראפן טויזנט מער, און אזוי אויך פון די שעפּסן און אזוי אויך פון די ציגן, ווייל אויף יעדער זאך וואס עס איז שורה די בּרכה של מעלה, איז נישט ווייניגער ווי טויזנט פון יעדן סארט, בּיז לבן איז דערהויבן געווארן צו אסאך רייכקייט אין זכות פון יעקב, און ווען יעקב האט געוואלט נעמען זיין באלוינונג, האט ער נישט געטראפן מער ווי צען פון יעדן סארט, ווייל אלע אנדערע האט לבן צוגענומען און גע׳גנב׳עט פון זיינס, און יעקב האט דאס אויך גערעכנט פאר א גרויסן רייכקייט, און יעצט קענסטו זען וויפיל יעקב האט גענומען פון לבן, נאר א הונדערטסטל פון דאס וואס ער האט געגעבן צו לבן אין זיין זכות, און דאס אלעס וואס איז אנגעקומען בּיים חלק פון יעקב, איז נאר געווען מיטן כּח פון די שטעקענעס וואס ער האט געלייגט בּיי די שאף.


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימעיל צו:
3022233@gmail.com

הזהר הקדוש ע״פ "מתוק מדבש" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף צבי בערגער
(In 6.5/4.5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)


קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)

פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com